# אַלמאַנאַך

# ייִדיש

אַרויסגעגעבן
פֿון
אַלוועלטלעכן
ייִדישן
קולטור-קאָנגרעס

164768

CYCO 11
$22.00

# אַלמאַנאַך ייִדיש

רעדאַקציע־קאָלעגיע:

**יעקב פּאַט**

**מלך ראַוויטש**

**זײַנוול דיאַמאַנט**

רעדאַקציע־סעקרעטאַר

/64768

אַרויסגעגעבן פֿון

אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס

ניו־יאָרק, תשכ"ב — 1961

# ALMANAKH YIDISH

(Almanac Yiddish)

*Copyright 1961, by*

CONGRESS FOR JEWISH CULTURE

25 East 78th Street, New York 21, N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט: יצחק ליכטענשטיין

*Supported by the*

Conference on Jewish Material Claims Against Germany, through a grant from its Cultural and Educational Reconstruction Fund.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

*Printed in the U. S. A. by*

Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.

21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

# אינהאַלט:


יחיאל האָפער: דער וועג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ישׂראל און אין די תּפוצות ........ 7

ק. צעטניק: טעאַטער אויף יענער וועלט ........ 26

אַבֿרהם זאַק: אונטער פאַרמאַכטע אויגן (פּאָעמע) ........ 58

חווה ראָזענפאַרב: איך און מיַין חלום (ליד) ........ 69

לייב וואַסערמאַן: לאָמיר גיין (ליד) ........ 72

יאָנאַס טורקאָוו: יאַנוש קאָרטשאַק—דער הייליקער קינדער־דערציִער ........ 73

רבֿקה באַסמאַן: מיַין שעפּעלע (ליד) ........ 91

רייזל זשיכלינסקי: שוויַיגנדיקע טירן; ביַי נאַכט (לידער) ........ 92

ישׂראל עמיאָט: אויפן טויט פון א פויער (ליד) ........ 93

זיַינוול דיאַמאַנט: אַן אָרנטלעך טיהויז (נאָוועלע) ........ 94

אַבֿרהם לעוו: יאָשע־בער (פּאָעמע פון קיבוצישן שטייגער־לעבן) ........ 149

ישעיהו שפּיגל: די שבֿועה (דערציילונג) ........ 173

יוסף לעפּטוויטש: ייִדישע שריַיבער דערגרייכן חשיבֿות ביַי דער וועלט ........ 196

גוטע גוטערמאַן: אין בית־דגון אויף א חתונה; פרילינג אין בית־דגון (לידער) ........ 216

רבֿקה קאָפּע: ווילן (ליד) ........ 219

הערץ בערגנער: דער ירושה־בריליאַנט (דערציילונג) ........ 222

שלמה סיַימאָן: דאָס מעגלעכע און דאָס אוממעגלעכע ........ 235

ל. פיַינבערג: דער פאַרכישופטער שלאָס (באַלאַדע) ........ 262

אלף כּץ: ר׳ אלתּר פיש (עקסטראַוואַגאַנזא) ........ 267

ישעיה טרונק: ווי אזוי פאָרשט מען די געשיכטע פון די חרובֿ־געוואָרענע קהילות אין פוילן? ........ 275

לייזער אייכענראַנד: פון שוויַיגן שלאַג אריַין אין מיר די שווערד (ליד) ........ 287

י. מאַניק (לעדערמאַן): דיַין נאָמען (ליד) ........ 289

# אַרײַנפֿיר־וואָרט

אין אַ גוטער שעה!

אונדזער אַלמאַנאַך „יִדיש" איז פֿאַרטיק געוואָרן פֿון דרוק. מיר שיקן אים אַרויס אין דער וועלט אַרײַן באַגלייט מיט אַ ברכה: זאָל ער דערגיין צו די יִדישע קיבוצים און דערגרייכן צו די מחשבֿות און געפֿילן פֿון די לייענער.

דער באַשלוס אַרויסצוגעבן דעם אַלמאַנאַך „יִדיש" איז אָנגענומען געוואָרן בײַ אונדז מיט צוויי יאָר צוריק. מיר זײַנען צוגעטראָטן צום פֿאַרווירקלעכן דעם באַשלוס מיט אַ סך אומרויִקייט.

מיר זײַנען אויסן געווען צו שאַפֿן נײַע מעגלעכקייטן פֿאַר די נאָך־מלחמהדיקע יִדישע שרײַבער, העלפֿן געבן אַ שטויס פֿאָרויס די יִדישע ליטעראַטור.

עס זײַנען געווען גענוג צווייפֿלער וואָס האָבן געזאָגט: די מערהייט פֿון די יִדישע שרײַבער זײַנען דאָך אַוועק פֿון דער וועלט; נײַע יִדישע שרײַבער באַווײַזן זיך גאַנץ זעלטן; מען זעט נית קיין יונגן צואוואוקס; עס איז דעריבער ניטאָ קיין מעגלעכקייט פֿאַר אַ נײַער, גרעסערער ליטעראַטור־אויסגאַבע.

מיר האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט מיט דעם מסכּים זײַן. מיר האָבן געזען גאַנץ אַנדערע סימנים: יִדישע נאָך־מלחמהדיקע שרײַבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן. מען דאַרף זיי נאָר געבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוקומען מיט זייערע נײַע ווערק. מיר האָבן גוט געהערט די תּבֿיעה פֿון דער יִדישער ליטעראַטור, וואָס וויל ניט און טאָר ניט בלײַבן פֿאַרשטומט. דער יִדישער שרײַבער וואָס שרײַבט אָן אַ גרעסער ווערק, האָט ניט, צום באַדויערן, וואו עס צו דרוקן. און אַז מען האָט ניט וואו צו דרוקן, שרײַבט מען ניט.

עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן און זיך אַנטוויקלען אַ נײַ יִדיש לעבן אין פֿאַרשיידענע לענדער. עס קומען אויך אויף נײַע שרײַבער. דער יִדישער מענטש, די יִדישע קיבוצים, דערשלאָגן זיך צו נײַע דערגרייכונגען. זיי פֿאָדערן אַן אָפּשפּיגלונג אין דער עפֿנטלעכקייט. מיר האָבן געפֿילט, אַז אויב עס וועלן נאָר געשאַפֿן ווערן מעגלעכקייטן, וועלן זיך באַווײַזן נײַע כּוחות, און זיי וועלן זיך פֿונאַנדערוואַקסן.

געוויס זײַנען וויכטיק איינצלנע גרעסערע ווערק, באַזונדערע ביכער. עס ווערט אָבער אַלץ שווערער און שווערער זיי אַרויסצוברענגען צום לייענער. מיר האָבן געפֿילט די וויכטיקייט פֿון גרעסערע כּנסיות פֿון שרײַבער, צונויפֿצונעמען די כּוחות און זיי אַרויסצוברענגען צוזאַמען, בציבור. דאָס קען דערמוטיקן, שטאַרקן האָפֿענונגען, דעמאָנסטרירן דעם המשך פֿון דער יִדישער ליטעראַטור.

שעפֿערישע יִדן, שרײַבער מיט טאַלאַנט, זײַנען מעשׂה־נס אַרויסגעקומען לעבעדיק פֿון מלחמה־גיהנום. זיי שטרעבן צו קומען צום וואָרט, צו דער עפֿנטלעכקייט. מען מוז זיך אָראָפּרעדן פֿון האַרצן, אַרויסברענגען פֿון

די טיפֿענישן די איבערלעבונגען, די טיף־אין־זיך־באַגראָבענע בילדער, געפֿילן און מחשבֿות.

עס רודערן אין דער סבֿיבֿה פֿאַרלאַנגען, פֿאָדערונגען. עס קומען אויף רעיונות אויפֿן סמך פֿון נײַע דערפֿאַרונגען, לערעס און דערגרייכונגען. מען דערגייט צו סך־הכּלען, צו פּועל־יוצאס וועגן יחיד און כּלל, וועגן וואָרט און ווערק. מען וויל זיך מיט זיי טיילן מיט אַנדערע.

אויף אונדזערע ווענדונגען האָט מען זיך גאָר גוט אָפּגערופֿן. צו אונדז זײַנען דערגאַנגען אַ צאָל ווערטפֿולע אַרבעטן. עס איז כּסדר געשטיגן אונדזער האָפֿענונג אַז אונדזער רוף צו ייִדישע שרײַבער איז ניט געווען קיין קול קורא במדבר.

אין אונדזער איצטיקער ערשטער זאַמלונג „ייִדיש" קומען צום אויסדרוק פֿיר און דרײַסיק שרײַבער פֿון די פֿאַרשיידנסטע ייִדישע ייִשובֿים. צווישן זיי שרײַבער וואָס זײַנען אַרויסגעקומען פֿון די געטאָס, פֿון אומקום־לאַגערן, פֿון סיבירער פֿאַרשיקונגען, פֿון די פּאַרטיזאַנער־ און ווידערשטאַנד־באַוועגונגען ; שרײַבער פֿון די אַמעריקעס, פֿון מדינת ישׂראל, פֿון ווײַטן אויסטראַליע, פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, קאַנאַדע — אַ גרויסער, ייִדישער שעפֿערישער ציבור.

מיר האָפֿן אַז די לייענער וועלן אויפֿנעמען די שרײַבער מיט אָפֿענע אָרעמס, מיט אַ ברוכים הבאָים.

זאָל עס טאַקע זײַן אין אַ גוטער שעה !

בײַ די מחברים, וואָס זייערע שאַפֿונגען זײַנען אָנגענומען געוואָרן נאָר האָבן ניט געקענט אַרײַן, בעטן מיר אַז זיי זאָלן אונדז מוחל־זײַן. אונדזערע מעגלעכקייטן זײַנען געווען באַגרענעצט. מיר האָפֿן צו קענען ברענגען זייערע אַרבעטן אין די ווײַטערדיקע אויסגאַבעס.

יעקבֿ פּאַט